## באַלאַדע וועגן בעטלערס אין אַ ווינטערדיקער נאַכט

אין דער טיפער קלאָרער נאַכט
איז אַ שטורעמווינט אַריין,
ווי שטערבלעך-בייזע טראָפּנס סם
אין אַ שיינעם בעכער ווין.

איז אַ שטורעמווינט אַריין
אין די מיילער פון די גאַסן,
אין די העלדזער פון די קוימנס.
איז אַראָפּ אַ טויט אַ בלאַסער.

און דעם מאַרך אַרויסגעזויגן
פון דעכער און פון טראָטואַר,
ליגט די וועלט שוין אויסגעצויגן
בר-מנינן׳יש בלאָ פאַרשטאַרט.

בלויז צוויי לעבעדיקע שטייען
מיט אויסגעשטרעקטע דאַרע הענט.

נאָר ווער וועט שענקען אַ נדבה?
די נאַכט איז אָרעם — איר פאַרמעגן
ליגט פאַרגליווערט אויף די וועגן;
די נאַכט איז אָרעם — אַלץ פאַרלאָרן,
אפילו דער הימל איז געפרוירן...

געבליבן איז אַ זייל פון חושך
און געשטיינערט שטייפע ווענט,
און צוויי לעבעדיקע שטייען
מיט אויסגעשטרעקטע דאַרע הענט.

האָבן אָפּגעוואַרט אַ טאָג,
האָבן אָפּגענאַרט די קלאָג:
״הונגער אונדזער, עלנט אונדזער
זעסט שפּאַצירן פּאָקאָ-מאַנטלען.
מאַלפּע-פוטערס, קאַראַקולן,
ביטער מזל, וועסט באַקומען
נאָך היינט אַ טעלער זופּ אַ פולן.״

נאָר רייכע זענען ווייס און קאַלט,
רייכע זענען ווי דער שניי;
שיט זיך טרויער אויף די בעטלערס,
ווי שטיקער אומגליק שטייען זיי.

מיט ווייסטע אויגן ווי צוויי גריבער.
עס איז דער טאָג שוין לאַנג אַריבער.
זיי ווייסן נישט ווו איין, ווו אויס,
און די נאַכט איז פרעמד און גרויס
אַ בן-אדם נישט צו זען.

"וואָס וועט, גאָט, מיט אונדז געשען?"

און עס ענטפערט קיינער, קיינער.
שטומקייט. גליוועך. ברירות. פיבער.
די נאַכט האָט שטיל אַריינגעחלשט
אין די אָרעמס פון אַ שטורעם.

און עס ענטפערט קיינער, קיינער.
בעטלערס קלאַפּן מיט די ציינער,
ווי עס קוילערן זיך שטיינער
ערגעץ פון אַ באַרג אַראָפּ...

און זיי קלאַפּן מיט די ציינער,
און דאָס מויל ווערט אויסגעדרייט,
און אַ שמייכל פרירט און שניידט
אויף די מילציש-בלויע ליפּן.

און אַ שמייכל וואַקסט פונאַנדער זיך
און אַ שמייכל ווערט צעברויזט:
פון די אויסגעצייכנטע מיילער
ווי פון פינצטערע תהומות
גייט געלעכטער ווי געוויטער,
עס קאָכט איין בעטלער צו דעם צווייטן:

"זעסט,
אין דער טיפער, קלאָרער נאַכט
איז אַ שטורעמווינט אַריין
ווי שטערבלעך-בייזע טראָפּנס גיפט
אין אַ שיינעם בעכער וויין.
איז אַראָפּ אַ טויט אַ בלאַסער
און דעם מאַרך אַרויסגעזויגן
פון דעכער און פון טראָטואַרן,
ליגט די וועלט שוין אויסגעצויגן
איז אַ בר-מינן, איז שטאַר.
זעסט, אין הייזער שטיינערנע
האָבן מענטשן זיך באַגראָבן,
זעסט, די הויכע פענצטער ברענען —
ליכטלעך ביי אַ מס צוקאָפּנס;
נאָר מיר לעבעדיקע שטייען
נאָר מיר צוויי."

*  *  *

הערט די נאַכט: אַ בעטלער לאַכט.
הערט די ערד און וויקלט איין
טיף איר פּנים אין אַ ווינט,
ווי אַ מענטש וואָס ליגט און וויינט
און פאַרנורעט זיך אין קישן...

נאָר אין הימל רייסן זיך
פונאַנד צוויי וואָלקנס. און אַ שטערן
גלאַנצט אַראָפּ און קושט דאָס לייב
פון אָרעמע וואָס שטראַלט אַרויס
דורך צעטראַנטעטע  בגדים.

---------------------------------------------------

**פאָלקסצייטונג 7.1.1927**